# פניני אור החיים
## ליל הסדר

פנינים מובחרים, מספר אוהח"ק מלוקטים.
בלשון צח ובשפה בהירה נכתבים.

נערך ונלקט ע"י משה אהרן פויגל שליט"א מלמד בת"ת מחזיקי הדת וויען

# די אידן אין מצרים

### דער תכלית פון דאס אראפגיין אין מצרים איז געווען צו ארויסנעמען די "נִיצוֹצוֹת הַקְּדוּשָׁה".

דער אור החיים הק' איז מאריך אז דער עיקר סיבה פארוואס די אידן זענען אראפ אין מצרים איז צו אויף נעמען און מעלה זיין די "ניצוצי הקדושה" וואס זענען צושפרייט געווארן אין מצרים [ביים חטא פון אדם הראשון] וואס דארט הערשט די שטארקייט פון טומאה און די "קליפות", און זיי אריין נעמען צוריק אין די קדושה, דאס איז מרומז אינעם פסוק "וַיֵּשֶׁב יִשְׂרָאֵל בְּאֶרֶץ מִצְרַיִם" (בראשית מז, כז), די אידן האהאבן זיך באזעצט אין לאנד מצרים וואס דארט איז די פלאץ פון די "קליפות", "בְּאֶרֶץ גֹּשֶׁן" איז א לשון פון דערנענטערן ["הגשה"] ווייל דארט זענען דערנענטערט און צוריקגעברענגט געווארן אלע ניצוצי הקדושה דורך די הייליגע אידן, וואס זענען געווען ווי א 'מאגנעט' וואס ציט זיך זיין גלייכן, אן עס שטייט בלשון יחיד ווייל דאס איז געווען ווייל די אידן זענען געווען באחדות "בלב אחד" ווי איין מענטש, דערנאלך שטייט "וַיֵּאָחֲזוּ בָהּ", דאס איז מרמז אז זיי האבן אנגעכאפט די נִיצוֹצוֹת הַקְּדוּשָׁה און דורכדעם איזן געווען "וַיִּפְרוּ וַיִּרְבּוּ מְאֹד", ווייל ווען מען איז מרבה די קדושה ווערן געבוירן מער קינדער.

### די אידן האבן מקבל געווען דעם עול פון גלות מצרים מיט ליבשאפט

דער אור החיים הק' שרייבט, אז אינעם ערשטן פסוק פון פרשת שמות איז מרומז אז די אבות הק' זענען שוין געווען אין גלות מצרים, און אזוי ווי די אבות האבן פארשטאנען דעם גלות אין איינערקענט אין די טובה וואס וועט ארויסקומען דערפון און דאס אנגענומען באהבה אויף זיך און אויף זייערע קינדער, אזוי אויך די אידן וואס זענען געווען אין מצרים, דערפאר שטייט "וְאֵלֶּה" שְׁמוֹת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הַבָּאִים מִצְרָיְמָה, וואס ווי באקאנט דאס ווארט "ואלה" איז אן המשך פון פריער. און מיט דעם פארשטייט מען פארוואס האט זיי די תורה נאכאמאל אויסגערעכנט ביי זייערע נעמען, דאס איז צו רעכענען ווער זענען די וואס זענען גרייט צו נעמען אויף זיך די גזירה פון מלך ממלכי המלכים הקב"ה צו גיין אין גלות, נישט ווי עשיו וואס האט ווידער- געשפעניגט אינעם גלות און נישט געוואלט אננעמען. דערפאר שטייט "הַבָּאִים" וואס ווילן קומען, און "אִישׁ וּבֵיתוֹ בָּאוּ" יעדער האט זיך צוגעגרייט דערויף מיט זיין הויזגעזינד אראפ צוקומען אין מצרים.

### כל זמן איינער פון די יורדי מצרים האט געלעבט הא זיך נישט אנגעהויבן דעם שעבוד ווייל זיי האבן מקבל געווען דעם גלות באהבה

נאך שרייבט דער הייליגער אור החיים הק' (סוף פרשת ויגש), אויף דעם וואס חז"ל זאגן אז כל זמן איינער פון די שבטים און פון די וואס זענען אראפגעקומען אין מצרם מיט יעקב אבינו האבן נאך געלעבט, האט זיך נישט אנגעפאנגען דאס "שעבוד מצרים", אז דאס איז געווען א שכר אויף דעם וואס זיי האבן מקבל געווען דיי גזירה פון גלות באהבה, און זיי זענען אראפ געקומען פון זייער אייגענע ווילן אין מצרים, [און דערפאר האט זיך אנגעהויבן דער שעבוד ווען סרח בת אשר און יוכבד בת לוי האבן נאך געלעבט,ווייל זיי זענען נישט געקומען פון זייער אייגענע ווילן נאר געצוונגענערהייט]

### די פיר זאכן וואס האט געברענגט און צוגעפירט דאס 'שעבוד מצרים'

"וַיָּמָת יוֹסֵף וְכָל אֶחָיו וְכֹל הַדּוֹר הַהוּא" (א, ו), דער אור החיים הק' ערקלערט פארוואס דארף דא שטיין נאכאמאל אז יוסף איז געשטארבן, אינדערצייט וואס עס שטייט שוין סוף פון די פריערדיגע פרשה אז יוסף איז נפטר געווארן, און אזוי אויך וואס האט שייכות דאס שטארבן פון יוסף און זינע ברודער צו דעם אנפאנג פונעם גלות. זאגט דער אור החיים הק' אז דער פסוק וויל דא זאגן ווי אזוי עס האט זיך אנגעפאנגען דאס שִׁעֲבּוּד אין מצרים אין די פיר זאכן וואס האבן צוגעפירט דערצו. דאס ערשטע איז - "וַיָּמָת יוֹסֵף" די פטירה פון יוסף הצדיק, וואס איז נפטר געווארן פאר זיינע אלע ברודער, וואס ווען ער וואלט נאך געלעבט, וואלט דאס געווען גענוג אז די מצריים זאל נישט קענען אינטערטעניגן די אידן, ווי מיר זעהען טאקע אז כל זמן יוסף האט געלעבט, האבן די אידן מצרים געהאט א גוטן און רוהיגן לעבן. דאס צווייטע איז - "וְכָל אֶחָיו" די פטירה פון די אלע אנדערע שבטים, וואס כל זמן איינער פון זיי האט נאך געלעבט, האבן נאך די מצרים זיי מכבד געווען.

די דריטע זאך איז □ "וְכֹל הַדּוֹר הַהוּא" דאס מיינט אז די אלע זיבעציג נפשות וואס זענען אראפגעקומען מיט יעקב אין מצרים זענען נפטר געווארן, וואס אלע פון זיי זענען געווען חשוב אין די אויגן פון די מצריים, און ווען זיי האבן געלעבט, האבן די רשעים נישט געהאט די עזות צו טשעפען די אידן, ווייל זייער כח איז דאך געווען בְּפֶה רַךְ מיט א ווייכע מויל, און זי האבן געוואוסט אז די חשוב'ע אידן וועלן זיי נישט קענען איבערעדן מיט זייער ווייך מויל. און דאס פערטע זאך איז געווען "וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל פָּרוּ" וגו', אז די אידן האבן זיך געמערט אויף א גרויסן פארנעם, און דאס געברענגט אז די מצרים האבן מקנא געווען און געזוכט וועגן ווי אזוי זיי צו ווייניגער מאכן, און דעמאלט האבן זיי אנגעהויבן צו אונטערטעניגן די אידן.

דער אור החיים הק' לייגט צו אז אין דעם פסוק איז אויך מרומז אז דער גלות האט זיך אנגעהויבן מיט שטאפלען, "וַיָּמָת יוֹסֵף" ווען יוסף איז געשטארבן זענען די אידן אראפ פון זייער גרויסע דרגא וואס זי זענען געווען אין די אויגן פון מצרים מער פון די מצריים און געווארן פונקט ווי זיי, "וְכָל אֶחָיו" ווען די ברידערס זענען געשטארבן זענען זיי געווארן א דרגא נידריגער און פארשעמט אין זייער אויגן אבער נאך נישט פארשקלאפט, "וְכֹל הַדּוֹר הַהוּא" און ווען דער גאנצער דור איז געשטארבן האבן זיי אנגעהויבן צו פארשקלאפן די אידן און זיי פייניגן, זעהנדיג אז זיי פארמערן זיך און פילן אן מצרים.

# לידת משה רבינו

### דער שכר פון די אידישע הייבאנס אין מצרים

"וַיֵּיטֶב אֱלֹהִים לַמְיַלְּדֹת וַיִּרֶב הָעָם" וגו' (א, כ) דער אור החיים הק' זאגט א פשט אויף דעם פסוק אז דער אויבערשטער האט געזעהן די יראת שמים וואס די הייבאנס האבן געהאט אין זייער ליבשאפט צו טוהן מצוות, האט זיי דער אויבערשטער צוגעשטעלט אז זיי זאלן קענען מאכן נאך מצוות אן א שיעור. דורכדעם וואס "וַיִּרֶב הָעָם" דער אויבערשטער האט זיי

נדבת ידידינו הרה"ח ר' משה יואל מזרחי שליט"א – אב"י בעי"ת וויליאמסבורג ניו יארק

פארמערט און עס זענען געבוירן נאך פיל אינגלעך וואס די הייבאנ'ס האבן גערעאטעוועט, אין אזוי האבן זי זוכה געווען צו נאך אין נאך זכותים, ווייל די אלע געבוירענע קינדער וואס זיי האבן געראטעוועט ווערן גערעכנט כאילו זייערע אייגענע קינדער, און עס קען זיין אז וועגן דעם האבן משה און אהרן זוכה געווען צו זיין די פירערס פון כלל ישראל, ווייל זייער מוטער און שוועסטער האבן זיך מוסר נפש געווען און געראטעוועט די קינדער, דורכדעם איז גאנץ כלל ישראל גערעכנט געווארן ווי זייערע אייגענע קינדער און משה און אהרן זענען זיי געווען ווי א פאטער אזוי יוי זייער מאמע איז זיי געווען פאר א מוטער.

### וואס האט פרעה'ס טאכטער געזעהן ווען זי האט געפנט דאס קעסטעלע

ווען פרעה'ס טאכטער האט געטראפן די קעסטאלע מיט משה רבינו נעבן טייך שטייט "וַתִּפְתַּח וַתִּרְאֵהוּ אֶת הַיֶּלֶד" (שמות ב, ו). דער אור החיים הק' איז מדייק פונעם לשון "וַתִּרְאֵהוּ" אז זי האט געוואוסט אז אינעם קאסטן ליגט אן אידיש קינד און זי האט אינזין געהאט אים צו ראטעווען. דאס מיינט וַתִּרְאֵהוּ זי האט טאקע געזעהן דאס קינד וואס זי האט געטראכט אז עס איז. חז"ל זאגן אז זי האט געזעהן אז די שכינה איז מיט אים, דאס מיינט נישט אז זי האט געזעהן ממש די שכינה, נאר זי האט געזעהן א גרויסע ליכטיגקייט, כדי זי זאל האלטן חשוב דעם קינד וואס זי האט געטראפן.

### ווען פרעה'ס טאכטער האט צוגערירט צום קינד איז זי געווארן אויסגעהיילט פון איר צרעת

נאך שרייבט דער אור החיים הק', אז פרעה'ס טאכטער האט געפילט אז די שכינה איז דא, ווייל זי איז געקומען צום טייך זיך צו וואשן כדי זיך צו אויסהיילן פון איר "צרעת" וואס זי האט געהאט, און גלייך ווען זי האט צוגערירט צום קינד איז דא צרעת אוועק פון איר, האט זי פארשטאנען אז דאס איז א געטליך קינד. דאס איז מרומז אין פסוק "וַתִּרְאֵהוּ אֶת הַיֶּלֶד", "וַתִּרְאֵהוּ" גייט ארויף אויף איר לייב, וואס זי איז געקומען וואשן, ווען זי האט געזעהן אז ווען זי האט צוגערירט צום קינד "וְהִנֵּה נַעַר" איז איר לייב אויסגעהיילט געווארן און איר הויט איז געווארן ריין ווי פון א קליין קינד.

### השי"ת האט געגעבן פאר די הייבאנס פון אלעם גוטס זיי זאלן קענען צושטעלן פאר די קינדער

"וַיֵּיטֶב אֱלֹהִים לַמְיַלְּדֹת וַיִּרֶב הָעָם" וגו' (א, כ) דער אור החיים הק' ערקלערט וואס איז די טובה וואס דער אויבערשטער האט זיי געטוהן, אז דער אויבערשטער האט געזעהן אז די הייבאנ'בס האבן צוגעשטעלט עסן און וואסער פאר די קינדער האט זיי דער אויבערשטער געשיקט פיל גוטס וואס דזיי זאלן קענען צושטעלן פאר די קינדער נאך און נאך, און דורכדעם איז געוען "וַיִּרֶב הָעָם" דאס פאלק האט זיך פארמערט.

### דער שכר וואס די הייבאנס האבן באקומען אז עס איז געבוירן נאך קינדער און אלע ווערן גערעכנט ווי זייערע אייגענע קינדער

נאך לייגט דער אור החיים הק' צו, אז דער אויבערשטער האט געזעהן די יראת שמים וואס די הייבאנס האבן געהאט אין זייער ליבשאפט צו טוהן מצוות האט זיי דער אויבערשטער צוגעשטעלט אז זיי זאלן קענען מאכן נאך מצוות אן א שיעור. דורכדעם וואס "וַיִּרֶב הָעָם" דער אויבערשטער האט זיי פארמערט און עס זענען געבוירן נאך פיל אינגלעך וואס די הייבאנ'ס האבן גערעאטעוועט, אין אזוי האבן זי זוכה געווען צו נאך אין נאך זכותים, ווייל די אלע געבוירענע קינדער וואס זיי האבן געראטעוועט ווערן גערעכנט כאילו זייערע אייגענע קינדער, און עס קען זיין אז וועגן דעם האבן משה און אהרן זוכה געווען צו זיין די פירערס פון כלל ישראל, ווייל זייער מוטער און שוועסטער האבן זיך מוסר נפש געווען און גערעאטעוועט די קינדער, דורכדעם איז גאנץ כלל ישראל גערעכנט געווארן ווי זייערע אייגענע קינדער און משה און אהרן זענען זיי געווען ווי א פאטער אזוי ווי זייער מאמע איז זיי געווען פאר א מוטער.

# די שליחות צו פרעה

**וַיֹּאמֶר ה' רָאֹה רָאִיתִי אֶת עֳנִי עַמִּי אֲשֶׁר בְּמִצְרָיִם וְאֶת צַעֲקָתָם שָׁמַעְתִּי מִפְּנֵי נֹגְשָׂיו כִּי יָדַעְתִּי אֶת מַכְאֹבָיו. וָאֵרֵד לְהַצִּילוֹ מִיַּד מִצְרַיִם וּלְהַעֲלֹתוֹ מִן הָאָרֶץ הַהִוא וגו'** (שמות ג, ז - ח).

### רָאֹה רָאִיתִי אֶת עֳנִי עַמִּי אֲשֶׁר בְּמִצְרָיִם

צוערשט דארף מען פארשטיין פשט אין די דאפלטע לשון וואס דער אויבערשטער זאגט **רָאֹה רָאִיתִי**, וואס זענען די צוויי 'ראיות' וואס דער אויבערשטער האט געזען ביי די אידן אין מצרים?

אזוי אויך דארף מען פארשטיין פארוואס לייגט דער אויבערשטער צו די ווערטער **אֶת עֳנִי עַמִּי 'אֲשֶׁר בְּמִצְרָיִם'** - די פיין פון מיין פאָלק וואס געפונט זיך 'אין מצרים'. אויב וועט מען וועלן זאגן, אז דאס איז וויבאלד משה רבינו ווייסט נישט ווער איז די פאָלק פונעם אויבערשטן. אויב אזוי, וואס וועט אים עס העלפן אויב ער וועט וויסן אז זיי געפונען זיך אין מצרים? עס זענען דאך געווען נאך פעלקער אין מצרים. ממילא, דאס אליינ'ס - אז זיי זענען אין מצרים - איז נישט גענוג צו וויסן ווער זיי זענען.

אפילו אויב מען וועט וועלן ענטפערן, אז דורכדעם וואס דער אויבערשטער זאגט אים אז דאס איז דער פאָלק וואס ווערט געפייניגט און מצרים, וועט משה רבינו וועט יא וויסן דערפון וואו כלל ישראל געפונט זיך, ווייל עס איז נאר געווען איין פאָלק וואס מען האט דארט געפייניגט, וואס דאס איז כלל ישראל.

פונדעסטוועגן דארף מען פארשטיין פשט, ווי אזוי קען מען בכלל טראכטן אז משה רבינו האט נישט געוואוסט אז כלל ישראל איז די פאָלק פונעם אויבערשטן, און ער האט זיכער געוואוסט אז זיי געפינען זיך אין מצרים, אויב אזוי דארף מען פארשטיין וואס האט דער אויבערשטער געוואלט צולייגן מיט די ווערטער **אֲשֶׁר בְּמִצְרָיִם**?

מען קען ערקלערן פשט אין די ווערטער **רָאֹה רָאִיתִי**, עס איז געווען צוויי ראיות וואס דער אויבערשטער האט געזען. די ערשטע ראי' האט דער אויבערשטער געזען אז עס איז נאכנישט אנגעקומען די צייט אויסצולייזן כלל ישראל.

דאס הייסט, דער אויבערשטער האט געזען די יארן ווילאנג כלל ישראל איז שוין אין מצרים (210 יאר), און געזען אז עס איז נאכנישט געווען גענוג יארן וויפיל דער אויבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו ביי ברית בין הבתרים אז זיינע קינדער וועלן זיין אין גלות פיר הונדערט יאר (בראשית טז, יג).


נדבת ידידינו הרה"ח ר' משה יואל מזרחי שליט"א – אב"י בעי"ת וויליאמסבורג ניו יארק

אבער דער אויבערשטער האט געזען נאך א ראי', וואס דאס איז **רָאִיתִי אֶת עֳנִי עַמִּי אֲשֶׁר בְּמִצְרָיִם**, די פיין און ליידן וואס כלל ישראל ליידט פון די מצרים. און צוליב די שטארקע פיין און שעבוד, דארף מען אויסלייזן כלל ישראל אפילו אויב איז נאכנישט געקומען די צייט.

מען קען עס מסביר זיין, לויט ווי עס ווערט געברענגט אין חז"ל (שבת י:), 'שבשביל משקל שני סלעים מילת שנתן יעקב ליוסף יותר משאר בניו, נתקנאו בו אחיו, ונתגלגל הדבר וירדו אבותינו למצרים'. צוליב דעם וואס יעקב אבינו האט געטוישט איין קינד פון די אנדערע קינדער, און געגעבן פאר יוסף א זיידענע העמדל מער פון די אנדערע קינדער, האט עס גורם געווען אז כלל ישראל זאל אראפגיין קיין מצרים.

פרעגט תוס' דארט אויפן ארט (ד"ה ה"ג נתגלגל), די גזירה פון גלות האט שוין דער אויבערשטער געזאגט פאר אברהם אבינו ביי ברית בין הבתרים, פארוואס זאגט די גמרא אז די סיבה איז געווען צוליב וואס יעקב אבינו האט געגעבן פאר יוסף מער פון די אנדערע ברודער'ס?

ענטפערט תוס', אז בלויז צוליב די גזירה פון ברית בין הבתרים וואלט כלל ישראל געקענט גיין אין גלות ערגעץ וואו מען וואלט זיי נישט אזוי שטארק געפייניגט און אונטערדרוקט, אבער די מעשה פון יוסף האט צוגעברענגט אז כלל ישראל איז אראפגעגאנגען קיין מצרים, וואס דארט האט מען זיי געפייניגט זייער שווער.

דאס איז פשט אינעם פסוק, דער אויבערשטער האט געזען די אויסטערלישע פיין וואס די מצרים פייניגן זיי, און אפילו אויב עס איז נאכנישט געקומען 'די קץ הגאולה', די ענדע פון די יארן וואס מען דארף זיין אין גלות, איז אבער שוין געקומען 'די קץ העוני', די ענדע פון די פיין און ליידן וואס אידן האט געליטן אין מצרים.

דערמיט פארשטייט מען פארוואס דער אויבערשטער לייגט צו די ווערטער **אֶת עֳנִי עַמִּי אֲשֶׁר בְּמִצְרָיִם**, ווייל די פיין און ליידן פון די מצרים, דאס איז די סיבה פארוואס דער אויבערשטער וויל יעצט אויסלייזן כלל ישראל, טראץ וואס עס איז נאכנישט געקומען די קץ הגאולה, איז אבער שוין געקומען די 'קץ העוני', צוליב וואס מען איז אין גלות ביי די מצרים וואס פייניגן שרעקליך, און צוליב דעם וועט דער אויבערשטער יעצט קומען אויסלייזן כלל ישראל.

**נאך** א פשט קען מען זאגן אין פסוק, **רָאֹה** - די ערשטע ראי' איז געווען די עצם צער וואס כלל ישראל ליידט, אבער עס איז געווען נאך א ראי', **רָאִיתִי אֶת עֳנִי עַמִּי אֲשֶׁר בְּמִצְרָיִם** דער אויבערשטער האט געזען די פיין און ליידן פון כלל ישראל וואס זענען זיין באליבטע פאָלק, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (דברים לב, ט) **כִּי חֵלֶק ה' עַמּוֹ**, און זיי זענען פארשקלאפט אונטער די טומאת מצרים, און אונטערטעניגט אונטער די קליפות.

און אויב וואלטן זיי פארבליבן אביסל לענגער וואלטן זיי שוין ליידער פארזינקן געווארן אין די נ' שערי טומאה צווישן די קליפות הטומאה, און וואלטן חלילה מער נישט געקענט ארויסקומען פון דארט. אזוי ווי מען זאגט אין די הגדה של פסח, 'ואילו לא הוציא הקדוש ברוך הוא את אבותינו ממצרים, הרי אנו ובנינו ובני בנינו משעובדים היינו לפרעה במצרים'.

דאס איז געווען די צווייטע ראי' וואס דער אויבערשטער האט געזען, '**אֶת עֳנִי עַמִּי אֲשֶׁר בְּמִצְרָיִם**' מיין פאָלק כלל ישראל, וואס געפונט זיך צווישן די קליפות מצרים, און נאך אביסל וועלן זיי שוין פארפאלן ווערן, דעריבער האט מען זיי שנעל געמוזט ארויסנעמען.

דערמיט קען מען ערקלערן פשט פארוואס עס איז נישט געווען קיין צייט צו אפבאקן די טייג איידער די אידן זענען ארויס פון מצרים, און עס איז ניטאמאל געווען צייט עס זאל ווערן חמץ, ווייל זיי האבן שוין נישט געקענט פארבלייבן קיין איין רגע אין מצרים.

טראץ וואס דעמאלטס איז שוין נישט געווען די שעובד, די מצרים האבן מער נישט געפייניגט די אידן, ווייל די שעובד האט זיך געענדיגט ווען די מכות האבן זיך אנגעהויבן. און נישט נאר דאס, די אידן זענען געווארן זייער רייך פון מכת דם (שמות רבה ט, י), און זענען געווארן חשוב'ע מענטשן אין מצרים. אויב אזוי וואלט מען לכאורה געקענט זאגן אז מען דארף זיך שוין נישט אזוי ארויס יאגן פון מצרים, ווייל מען פייניגט מער נישט די אידן).

פונדעסטוועגן האבן די אידן געמוזט ארויסגיין ווי שנעלער און האבן זיך נישט געקענט פארזוימען אפילו א רגע, ווייל דאס עצם זיך געפינען אין מצרים צווישן די געפערליכע קליפה און טומאה האט משפיע געווען אויף כלל ישראל, און מען האט שוין געמוזט ארויסגיין.

### וְאֶת צַעֲקָתָם שָׁמַעְתִּי

דער אויבערשטער איז ווייטער ממשיך און זאגט פאר משה רבינו: **וְאֶת צַעֲקָתָם שָׁמַעְתִּי**, אויסער די צוויי אויבנדערמאנטע ראיות, איז דא נאך עפעס א סיבה פארוואס מען דארף זיי אויסלייזן איידער די צייט, וואס דאס איז די ווייע געשריי וואס כלל ישראל שרייט פון די געפערליכע פיין און שרעקליכע מכות וואס די מצרים פייניגן און שלאגן זיי, און מען דארף זיי שוין יעצט ראטעווען דערפון אז די מצרים זאלן זיי אויפהערן אזוי צו פייניגן.

און דאס האט זיך טאקע געענדיגט איינמאל די מכות האבן זיך אנגעהויבן, אז די מצרים האבן אויפגעהערט צו פייניגן און שלאגן די אידן. און דאס איז נאך א סיבה פארוואס דער אויבערשטער האט שוין יעצט געוואלט אויפהערן די קושי השעבוד אז די מצרים זאל אויפהערן צו שלאגן כלל ישראל.

### מִפְּנֵי נֹגְשָׂיו

**מִפְּנֵי נֹגְשָׂיו**. מען קען ערקלערן א פשט אינעם פסוק, 'מפני' קען טייטשן 'פארדעם', דאס הייסט נאך איידער כלל ישראל האט געהאט די געלעגנהייט צו שרייען און וויינען אויף די פיין און ווייטאג וואס זיי גיין אריבער פון די מצרים, האט שוין דער אויבערשטער געהערט און געשפירט זייער ווייע געשריי, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (ישעיהו סה, כד) **טֶרֶם יִקְרָאוּ וַאֲנִי אֶעֱנֶה**.

דערמיט פארשטייט מען פארוואס דער אויבערשטער זאגט **נֹגְשָׂיו** וואס איז א לשון יחיד (אנדערש פון פריער אין פסוק וואס שטייט 'צעקתם' וואס איז א לשון רבים), ווייל דער אויבערשטער שפירט די צער און ווייטאג פון יעדע איינציגסטע איד, און גלייך ווען מען האט געפייניגט די ערשטע איד, האט שוין דער אויבערשטער געשפירט זיין צער.

### כִּי יָדַעְתִּי אֶת מַכְאֹבָיו

און איז ווייטער ממשיך: **כִּי יָדַעְתִּי אֶת מַכְאֹבָיו**, די סיבה פארוואס דער אויבערשטער זעט און הערט זייער צער אפילו נאך איידער זיי שרייען און וויינען צום באשעפער, דאס איז וויבאלד דער אויבערשטער ווייסט יעדע צער און ווייטאג פון א איד וואס איז פון זיין פאָלק, און איז א דערבארעמדיגער פאטער וואס קוקט שטענדיג אויף זיינע באליבטע קינדער מיט רחמנות און ליבשאפט, און שפירט מיט זייער ווייטאג נאך איידער זיי זאגן עס ארויס פון מויל.

### וָאֵרֵד לְהַצִּילוֹ מִיַּד מִצְרַיִם וּלְהַעֲלֹתוֹ מִן הָאָרֶץ הַהִוא

**וָאֵרֵד לְהַצִּילוֹ מִיַּד מִצְרַיִם וּלְהַעֲלֹתוֹ מִן הָאָרֶץ הַהִוא**, דער אויבערשטער זאגט דער לשון 'וארד', איך וועל זיך אראפנידערן כדי צו ראטעווען כלל ישראל, טראץ וואס ביי דער אויבערשטער איז נישט שייך די לשון 'ירידה', ווייל דער אויבערשטער איז מלא כל הארץ כבודו און געפינט זיך אומעטום.

נאר דער פשט איז, אינ'אמת'ן וואלט נישט געפאסט אז דער אויבערשטער זאל זיך אראפלאזן און שיקן משה רבינו צו איבערגעבן זיינע ווערטער צו דער טמא'נע פרעה, איבערהויפט אז פרעה וועט עס נישט אננעמען און נישט פאלגן ארויס צושיקן די אידן, און ער וועט נאר גרינגשעצן אינעם אויבערשטן ח"ו.

דעריבער שטייט אין פסוק 'וארד', דער אויבערשטער האט כביכול מסכים געווען צו פארמינערן פון זיין כבוד, און שיקן זיינע ווערטער צו פרעה כדי צו ראטעווען כלל ישראל.

דאס איז פשט אין פסוק: **וָאֵרֵד** דער אויבערשטער איז געווען גרייט זיך צו אראפלאזן פון זיין כבוד, **לְהַצִּילוֹ**, כדי צו ראטעווען די אידן **מִיַּד מִצְרַיִם**, פון די מצרים וואס פייניגן זיי, טראץ וואס די אידן זענען נאכנישט באפרייט געווארן פון מצרים, איז דאס געווען אז די מצרים זאל אויפהערן צו משעבד זיין און פייניגן די אידן (אזוי ווי מען האט שוין אויבן דערמאנט, אז פון ווען די מכות האבן זיך אנגעהויבן, האט די מצרים מער נישט משעבד געווען די אידן).

און דער אויבערשטער זאגט, דאס אלעס איז פאר ביז דערווייל, פאר די קומענדיגע צוועלף חדשים וואס עס וועט קומען מכות אויף די מצרים, און נאכדעם וועט זיין, **וּלְהַעֲלֹתוֹ מִן הָאָרֶץ הַהִוא**, ווען עס וועט קומען די צייט וועל איך ענק ארויסנעמען פון מצרים, כדי כלל ישראל זאל מער נישט פארבלייבן אין מצרים אפילו ווען מען פייניגט זיי נישט, (אזוי ווי אויבן ערקלערט, אפילו מען האט זיי נישט געפייניגט, זענען זיי געווען אונטער די קליפות הטומאה, און וואלט מען פארבליבן אביסל לענגער, וואלט מען שוין נישט געקענט ארויסקומען פון די נ' שערי טומאה).

און די סיבה פארוואס דער אויבערשטער האט נישט גלייך ארויסגענומען כלל ישראל, נאך די ערשטע מאל וואס משה רבינו איז געגאנגען רעדן צו פרעה, נאר געווארט צוועלף חדשים פון די מכות, און נאר נאכדעם ארויסגענומען, דאס איז וויבאלד עס איז נאכנישט געקומען די באשטימטע צייט ארויסצוגיין פון מצרים (אזוי ווי אויבן ערקלערט אין לשון הפסוק 'ראה ראיתי' אז דער אויבערשטער האט געזען אז עס איז נאכנישט געקומען די צייט ארויסצוגיין פון גלות, ועיי"ש עוד).

### אלעס וואס משה האט געטוהן ביי פרעה איז געווען אריינגערעכנט אין די שליחות פונעם אויבערשטן

"וְעַתָּה לְכָה וְאֶשְׁלָחֲךָ אֶל פַּרְעֹה" וגו' (ג, י). דער אור החיים הק' ערקלערט וואס מיינט דא "וְאֶשְׁלָחֲךָ" איך וועל דיר שיקן, ווייל דער אויבערשטער האט געוואלט זאגן אז נישט נאר דאס יעצטיגער גאנג וועט זיין די שליחות, נאר נאכן גיין ווען ער וועט אנקומען און זאגן פאר פרעה דאס אלעס וועט זיין אריינגערעכנט אין די שליחות, און אזוי אויך וועט ער נאך דארפן גיי מערערע מאל צו פרעה ביז ער וועט ענדע ארויסשיקן די אידן פון מצרים. נאך לייגט צו דער אור החיים הק', לויט ווי חז"ל זאגן אז אין די וועג וואס א מענטש וויל גיין דארט פירט מען אים, דאס האט אים דא השי"ת געזאגט "לְכָה", אויב דו וועלסט וועלן גיין אין דעם וועג, דאן "וְאֶשְׁלָחֲךָ" וועל איך אויספירן דיין ווילן און איך וועל דיר שיקן, אבער אויסב דו וועסט נישט האבן קיין רצון דערצו וועל איך דיר נישט שיקן.

### ווילאנג משה רבינו האט געהאלטן דעם שטעקן איז ער **נישט** געווען קיין שלאנג **וואס** איז מרמז אויף די קליפות

דער אור החיים הק' ערקלערט דאס ענין פארוואס דער שטעקן פון משה איז געווארן צו א שלאנג, ווייל די "קליפה" איז מרומז צו א שלאנג, אזוי ווי דער ס"מ וואס ווערט אנגערופן "נחש הקדמוני" דער ערשטער שלאנג, דאס איז דער שלאנג וואס האט צוגערעדט פאר אדם הראשון צו עסן פון עץ הדעת, און משה רבינו האט מרמז געווען פאר פרעה אז דורך זיין היילידגע הענט און קדושה איז ער בכח צו מבטל זיין די טומאה פונעם "נחש" און ווען ער ווארפט אראפ דעם שטעקן און עס גייט ארויס פון זיין האנט נאר דאן ווערט צו א שלאנג.

### דער באשעפער האט געשטעלט משה ואהרןפאר קעניגן אויף די אידן און אויף פרעה

וַיְדַבֵּר ה' אֶל מֹשֶׁה וְאֶל אַהֲרֹן וַיְצַוֵּם אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאֶל פַּרְעֹה מֶלֶךְ מִצְרָיִם וַיְדַבֵּר לְהוֹצִיא אֶת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם" (ו, יג). לכאורה איז שווער, פארוואס זאגט נישט דער פסוק וואס האט אויבערשטער באפוילן פאר משה און אהרן וועגן די אידישע קינדער. ערקלערט דער אור החיים הק', אז "וַיְצַוֵּם" איז א לשון פון קעניגרייך, ווי מען געפינט אין תנ□ך. און דער פסוק מיינט צו זאגן, אז דער באשעפער האט געשטעלט משה און אהרן צו זיין א קעניג, סיי אויף די אידן, און סיי אויף פרעה. ווייל די טענה פון משה רבינו איז געווען, אז די אידישע קינדער האבן נישט צוגעהערט צו אים, ווייל עס איז זיי גוט אין מצרים, און זיי ווילן נישט ארויסגיין, און אויב אזוי וועט דאך אודאי פרעה נישט צוהערן צו אים. אבער יעצט אז משה וועט זיין א קעניג אויף זיי, וועט ער קענען שטראפן די אידן וואס ווילן נישט ארויסגיין, און אויך פרעה אויב ער וועט נישט ארויסלאזן, איז ממילא איז מער נישטא די טענה פון משה רבינו .

### פרעה וועט צוקומען צו אזא רשעות אז ער נישט געוואלט הערן פון משה וואס דער באשעפער שיקט

נדבת ידידינו הרה"ח ר' משה יואל מזרחי שליט"א – אב"י בעי"ת וויליאמסבורג ניו יארק

**ולא ישמע אלכם פרעה ונתתי את ידי במצרים והוצאתי את צבאתי את עמי בני ישראל מארץ מצרים בשפטים גדלים** (ז, ד). ערקלערט דער אור החיים הק', אז דער באשעפער האט געזאגט צו משה רבינו, אז צום סוף וועט פרעה צוקומען צו אזא רשעות, אז ער וועט אפילו נישט וועלן הערן פון משה און אהרן, וואס דער באשעפער האט געשיקט אים צו זאגן. און אזוי איז טאקע געווען נאך די מכה פון חושך, ווען פרעה האט זיי געזאגט 'השמר לך אל תוסף ראות פני'. האט דער באשעפער געזאגט פאר משה, אז ווען פרעה וועט אזוי טון, דעמאלטס 'ונתתי את ידי'. דאס מיינט, אז עס וועט גלייך קומען אויף אים מכת בכורות, וואס די מכה איז געקומען דורך דעם באשעפערס'ס האנט אליין, ווי מען זאגט אין די הגדה "אני ולא מלאך, אני ולא שרף, אני ולא השליח". און דורך די מכה 'והוצאתי את צבאותי' - וועלן אידישע קינדער ארויסגיין פון מצרים.

### משה האט זיך געדארפט שטעלן פאר פרעה מיט אן אויפגעהויבענע קאפ

עס שטייט אין פסוק "הַשְׁכֵּם בַּבֹּקֶר וְהִתְיַצֵּב לִפְנֵי פַרְעֹה" (ח, טז) דער אויבערשטער אנגעזאגט פאר משה רבינו, אז ער זאל גיין צו פרעה גלייך אינדערפרי, און "וְהִתְיַצֵּב" ער זאל זיך שטעלן פאר אים מיט א שטאלץ, אין נישט מיט אראפגעבויגענע קאפ, נאר אזוי ווי א גרויסער שטייט פאר א קליינער, ווייל יעצט איז ער דער האר אויף פרעה, און דער אויבערשטער האט אים דאס אנגעזאגט, ווייבאלד געווענליך איז משה געגאנגען פון נאטור מיט אן אראפגעלאזטן קאפ, מיט ענווה און שפלות, האם ער אויבערשטער געזאגט אז פאר פרעה זאל ער זיך גלייך שטעלן און אויפהויבן זין קאפ. דאס זאל זיין אבער נאר זיין "לִפְנֵי פַרְעֹה", אבער ביי זיך אין הארץ זאל ער בלייבן נידריג מיט שפלות און ענווה, ער זאל זיין אונטער־ טעניג מיט פארכט פארן בורא וואס איז מלוא כל הארץ כבודו.

### משה איז אריין צו פרעה אן רשות טראץ די שומרים און די לייבן וואס זענען געווען דארט

ווען עס שטייט אין פסוק "בֹּא אֶל פַּרְעֹה" (ז, כו) איז די כוונה אז משה רבינו זאל אריינקומען ביי פרעה אין פאלאץ אן צו נעמען רשות פון קיינעם, כאטש עס זענען געווען היטערס ביי די טויערן, ווי דער סדר איז ביי קעניגן, ווי חז"ל זאגן אין מדרש אז ביי פרעה'ס פאלאץ זענען געווען אסאך שומרים, און אויך לייבן און הינט וואס האבן געהיטן, דאך האט משה רבינו געקענט אריינגיין אן אפהאלט.

אזוי זעהן מיר אז נאך מכת חושך האט פרעה אנגעזאגט פאר משה "אַל תֹּסֶף רְאוֹת פָּנַי" (י, כח), זאלסט זיך מער נישט באווייזן פאר מיר, געווענליך וואלט ער דאס נישט געדארפט זאגן פאר משה, נאר ער וואלט געדארפט אנזאגן זיינע שרים און היטערס זיי זאלן אים נישט אריינלאזן, נאר פרעה האט געזעהן אז משה רבינו איז אריינגעקומען אן רשות פון קיינעם און אן מען זאל אים לאזן, דאס איז געווען א געוואלדיגע נס.

# די געשריי פון אידן אין מצרים

### א תפילה וואס קומט פון א צרה ווערט אנגענומען

"וַתַּעַל שַׁוְעָתָם אֶל הָאֱלֹהִים מִן הָעֲבֹדָה" (ב, כג), דער אור החיים הק' שרייבט א פשט, לויט ווי עס שטייט אין פסוק "מִן הַמֵּצַר קָרָאתִי יָּהּ עָנָנִי בַמֶּרְחָב יָ-הּ", אז איינע פון די סארט תפילות וואס ווערט שנעלער אנגענומען אין הימל איז א תפילה וואס קומט פון א צרה, און אזוי שטייט אויך "קָרָאתִי מִצָּרָה". דאס מיינט דער פסוק "וַתַּעַל שַׁוְעָתָם וגו' מִן הָעֲבֹדָה", זייער געשריי איז ארויף ווייל עס איז געווען פון די צרה פון די שווערע ארבעט וואס זיי האבן געהאט. נאך לייגט צו דער אור החיים הק', אז זייער תפילה איז ארויף גלייך אין הימל און נישט געדארפט צוקומען צו א מלאך זאל ארויפנעמען די תפילה, נא "מִן הָעֲבוֹדָה" פון די שווערע ארבעט איז עס ארויף "אֶל הָאֱלֹקִים" גלייך צום באשעפער נישט דורך מלאכים.

### דאס געשריי פון די אידן איז געווען גענוג א סיבה זיי אויסצולייזן

"וְגַם אֲנִי שָׁמַעְתִּי אֶת נַאֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל אֲשֶׁר מִצְרַיִם מַעֲבִדִים אֹתָם וָאֶזְכֹּר אֶת בְּרִיתִי" (ו, ה ). ערקלערט דער אור החיים הק', אז דערפאר זאגט דער פסוק דאס ווארט 'וְגַם', אונז צו לערנען, אז אויסער אלע סיבות וואס איז געווען אז דער באשעפער זאל אויסלייזן די אידן פון מצרים, איז דאס געשריי וואס די אידן האבן געשריגן פון הארץ ווייטאג, גענוג געווען א סיבה. דאס זאגט דער פסוק 'וְגַם אֲנִי שָׁמַעְתִּי אֶת נַאֲקַת בְּנֵי יִשְׂרָאֵל'. דאס מיינט, איך וואס מיין מדה איז רחמנות, האב געהערט דאס געשריי פון די אידן, ווי א מענטש וואס איז צושלאגן און ער גיט א געשריי, און דערפאר וועל איך זיי אויסלייזן.

# די צען מכות

### דער ציל פון די מכות איז געווען צו שטארקן די אמונה אין אידישע קינדער

דער אור החיים הק' שרייבט, אז דער ציל פון די מכות איז נישט געווען צו טוהן שלעכטס פאר די מצרים, נאר כדי צו גרויס מאכן דעם נאמען פון השי"ת, מען זאל זעהן זיין גרויסן כח און זיין שטארקע האנט, און צו שטארקן די אמונה ביי די אידישע קינדער, וואס שטענדיג ווען זיי וועלן זיך דערמאנען אין די מכות, וועלן זיי זיך שטארקן אין אמונה אין הקב"ה, ווייל ווען א מענטש זעהט א וואונדערליכע זאך, גייט אים דאס אריין אין קאפ, און עס ווער איינעקריצט אין זייער מח און ער וועט דאס שטענדיג געדענקען.

און איבערהויפט אז דא איז געווען צוויי וואונדער, איינס די גרויסע נקמה אין די מצריים, וואס פאר קיין שום פאלק אין די וועלט האט דער אויבערשטער נישט געטוהן אזעלכע זאכן, און צווייטנס די וואונדערליכע שינוי אין די בריאה וואס דער אויבערשטער האט געמאכט, און די גמרא זאגט אז צוויי וואונדערליכע זאכן געדענקט א מענטש, אזוי וועלן דאס די אידן געדענקען אין דערציילן שטענדיג פאר זייערע קינדער און קינד'ס קינדער און דורך דעם שטארקן זייער אמונה אין הייליגן באשעפער.

און דערפאר שטייט אין פרשת בא "הִכְבַּדְתִּי אֶת לִבּוֹ וְאֶת לֵב עֲבָדָיו" ווייל אויב נאר פרעה'ס הארץ וואלט געווען הארט, וואלט נישט געווען א פרסום פון די מכות און עס וואלט נישט געווארן דעם אויבערשטן'ס נאמען אזוי געגרויסט.

נאך שרייבט ער, אז דער אויבערשטער האט געמאכט די אלע מכות וואס זיי זענען געווען א שינוי אין די בריאה, צו ווייזן די געטליכקייט פון הקב"ה וואס נאר ער געוועלטיגט אויף די בריאה, און ער קען איר פארענדערן לויט זיין ווילן, און דאס זאל אויך זיין א חיזוק פון אמונה ביי די אידן, אלע זאלן זעהן אז עס איז נישט קיין שום געוועלטיגער אויף די בריאה אויסער דער הייליגער באשעפער, און אויך די זוהן און די לבנה און אלע מלאכים ורוחות א.ד.ג. - אלעס איז אונטערטעניג אונטער דעם אויבערשטנ'ס הערשאפט.

**ביי וועלכע מכות האט פרעה געבעטן מען זאל דאס אוועק נעמען**

מיר זעהן ביי די מכות, אז ביי געוויסע מכות האט פרעה געבעטן פון משה אז ער זאל אוועק נעמען די מכה, און ביי אנדערע נישט, דער פאקט האט ארויסגעגבן ווי אזוי האט געארבעט פרעה'ס געפיל, וואס נאר אויב ער האט געפילט אין די מכה איז א סכנה פון שטארבן, האט ער זיך דערשראקן אין געבעטן מען זאל איר צונעמען, ווי פאלגענד:

מכת דם: איז נישט געווען קיין סכנה פון שטארבן, ווייל וואסער צו טרינקען האבן זיי געהאט פון וואס זיי האבן געגראבן ארום דעם 'יאור', אדער וואס זיי האבן געקויפט פון די אידן, - האט ער זיך נישט צוטוהן געמאכט פון די מכה.

מכת צפרדע: איז געווען צוויי זאכן, ערשטנס דאס גרויסע רעש און טומל וואס די צפרדעים האבן געמאכט, און צווייטנס דאס וואס זיי זענען אריין אין זייער בויך, וואס פון דעם האט פרעה'ן זיך זייער דערשראקן אז די פראש וועלן צולעכערן זיין מאגן אין ער וועט שטארבן - דערפאר האט ער געבעטן ויסר הצפרדעים "ממני", זיי זאלן ארויסגיין פון מיר - פון מיין בויך.

מכת כנים: האט טאקע פארשאפט פיל צער אבער נישט קיין סכנה פון שטארבן, דעריבער כאטש ער האט מודה געווען אז 'אצבע אלקים הוא' און זיי קענען עס נישט נאכמאכן, האט ער נישט געבעטן מאן זאל עס אוועק נעמען.

מכת ערוב: איז געווען א שרעק פון חיות וואס קענען פארצוקן אין הרגנ'ען, האט ער זיך שטארק דערשראקן אין גלייך געשיקט בעטן מען זאל צונעמען די מכה.

מכת דבר: איז געווען נאר אויף די בהמות, אן קיין מענטשליכע סכנה, כאטש ער האט געזעהן אז ביי די אידן איז נישט געשטארבן קיין איין בהמה, האט ער זיך נישט צוטוהן געמאכט.

מכת שחין: איז אויך נישט געווען א סכנה פון שטארבן, און עס קיין אויך זיין אז פרעה אליין האט נישט געכאפט קיין מכת שחין, נאר זיינע ארומיגע, האט ערנישט געבעטן אויף די מכה עס זאל ווערן אוועק גענומען.

מכת ברד: איז געווען גרויסע קולות און פייער פון הימל וואס דאס האט געברענגט א גרויסע פחד אז מצרים גייט ווערן איבערגעקערט ווי סדום, האט ער ווייטער יא געבעטן מען זאל צונעמען די מכה.

מכת ארבה: האט ער קלאר געזאגט אז ער בעט "ויסר מעלי רק את המות הזה" [ווייל ער האט מורא געהאט אז מען וועט שטארבן פון הונגער].

מכת חושך: טרעפן מיר נישט אז ער האט געבעטן מען זאל צונעמען, קען זיין אז די ערשטע דריי טעג האט מען זיך נאך געקענט א עצה געבן מיט גרויסע ליכט און לאמפן, ווייטער די אנדערע דריי טעג וואס מען האט נישט געקענט זיך רירן פון פלאץ, איז דאך נישט געווען ווער עס זאל רופן פאר משה, ווייל קיינער האט זיך נישט געקענט רידן, און נאך וואס די מכה האט זיך געענדיגט פעלט דאך שוין נישט אויס צו בעטן מען זאל איר אוועק נעמען.

## מכת דם

**ביי מכת דם האבן די מצריים שוין געזעהן אז עס איז נישט קיין כישוף.**

ביי מכת דם האבן די מצרים געזעהן אז עס איז נישט קיין מעשה שדים און נישט קיין כישוף, ווייל דורך די צוויי זאכן קען מען נאר מאכן אז עס זאל 'אויסזעהן' ווי בלוט, און נישט פאבריצירן עכטע בלוט, וואס ווער עס טרינקט זיי קען שטארבן דערפון, אריינגערעכנט די פיש אין ים, אז די מצריים האבן געזעהן אז די פיש זענען געשטארבן האבן זיי פארשטאנען אז עס איז עכטע בלוט, און דאס קומט נישט דורך כישוף א. ד. ג., נאר א געטליכע זאך וואס איז משנה פון וואסער אויף בלוט.

אזוי אויך □ א זאך וואס ווערט דורך כישוף, טאמער פירט מען עס פון איין פלאץ צום צווייטן ווערט בטל די כישוף-קראפט דערפון און עס ווערט צוריק ווי פריער, דא אבער האבן זיי געזעהן אז "ויהי הדם בכל ארץ מצרים" וואו מען האט עס געפירט איז עס געבליבן בלוט, האבן זיי פארשטאנען אז דאס קען נישט זיין קיין כישוף.

**פון וואו האבן די כישוף מאכער געהאט וואסער**

עס שטייט "וַיַּעֲשׂוּ כֵן חַרְטֻמֵּי מִצְרַיִם בְּלָטֵיהֶם" (ז, כב), אז די כישוף מאכער פון מצרים האבן נאכגעמאכט די מכה פון דם, פון וואו האבן די מצריים געהאט וואסער צו מאכן פון זיי בלוט, קען זיין אז נאר די אויפגעדעקטע וואסערן זענען געווארן בלוט, אבער נישט די באהאלטענע וואס מען האט ארויסגעגראבן, ווי עס שטייט "וַיַּחְפְּרוּ כָל מִצְרַיִם סְבִיבֹת הַיְאֹר" (ז, כד) אדער לויט ווי חז"ל זאגן אז די אידן זענען רייך געווארן פון פארקויפן וואסער פאר די מצרים, קען מען זאגן אז די כישוף מאכער האבן אויך געקויפט וואסער כדי צו מאכן פון זיי בלוט.

ווי אויבן געזאגט □ זענען די בלוט וואס די כישוף מאכער האבן געמאכט נישט געווען עכטע בלוט, - נאר די מצרים וואס זענען געווען הארט־נאקיג האבן זיי נישט צוגעלייגט קאפ צום אונטערשייד, און זיך גע'עקשנ'ט נישט ארויסשיקן די אידן.

**ביי מכת דם האט פרעה געוואוסט אז השי□ת איז דער אמת□ער גאט**

"כֹּה אָמַר ה' בְּזֹאת תֵּדַע כִּי אֲנִי ה'" (ז, יז), דער הייליגער אור החיים הק' ערקלערט פארוואס האט דער אויבעשטער באצייכנט ביי די מכה פון בלוט אז ער ער וועט וויסן דעם אויבערשטן, לוי ווי חז"ל זאגן אז דער נילוס טייך איז געווען ביי די מצרים א געטשקע וואס זיי האבן געדינט, האט אים דער אויבערשטער געזאגט, אז מיט דעם וואס איך וועל שלאגן דיין גאט וועסטו זיין אז איך בין דער אמת'ער גאט אויף די וועלט, דאזס איז מרומז אין דע ווערטער "כִּי אֲנִי ה'" וואס דער שם איז מרמז אז דער אויבערשטער מאכט אלעס אויף די וועלט, און דורך די מכה וועט ער זעהן

אז דער אויבערשטער האט באשאפן דעם טייך און ער האלט זיין מציאות יעדע רגע, און אין איין רגע דרייט ער דאס איבער אויף אן אנדער מציאות פון בלוט.

## מכת צפרדע

**ביי די מכה האט מען געזעהן די ליבשאפט פון הקב"ה צו משה רבינו**

ביי מכת צפרדע האט משה רבינו געזאגט פאר פרעה, יעצט קענסטו זעהן מיין חשיבות און ליבשאפט ביי הקב"ה, אז נישט נאר איך קען בעטן פון הקב"ה און מיין געבעט ווערט ערפילט, נאר איך האב אויך דעם כח צו בעטן אויף א געוויסע צייט, אדרבה, זאג מיר אויף ווען איך זאל בעטן מען זאל אוועקנעמען די מכה. פרעה - וואס כאטש זיין גרויסע רשעות איז שווער צו פארשטיין פארוואס ער האט געזאגט אויף מארגן אין מסכים געווען צו ליידן פון אזא שווערע מכה נאך א טאג, - נאר פרעה האט זיך געמאכט א חשבון, אויב משה קומט יעצט איז מסתמא יעצט די צייט וואס די מכה דארף זיך ענדיגן, און פון יעצט האט שוין ח"ו נישט דער אויבערשטער די כח צו ממשיך זיין די מכה, און משה טראכט אז זיכער וועט פרעה נישט וועלן ציען ווייטער די מכה - וועט ער זיכער זאגן אויף יעצט, האט זיך פרעה געקליגט און מסכים געווען צו שטופן נאך א טאג צו זעהן צו משה רבינו וועט דאס אויך קענען, - דעפאר האט ער געזאגט ער זאל מתפלל זיין היינט אז די מכה זאל אוועקגענומען ווערן מארגן. האט משה רבינו געוויזן אז ער איז אזוי באליבט ביים אויבערשטן אז דער אויבערשטער איז מקיים זיין בקשה פונקט ווי אזוי ער וויל און בעט.

## מכת כינים

**וועלכע סארט כינים איז געווען אין מצרים**

עס איז פאראהן א מחלוקת אין תוספות (שבת דף י"ב) וואס ווערט אנגערופן "כִּינָה", [וואס מען מעג הרג'נען שבת], איינער זאגט אז דאס איז די סארט שֶׁרֶץ וואס טאנצט אויף דער ערד וואס ווערט געשאפן פון די שטויב פון דער ערד, און אנדערע זאגן אז דאס מיינט פַּרְעוֹשׁ, און כינה איז די קליינע ווייסע וואס ווערט אין קליידער זאגט דער אור החיים הק', אז לויט די צווייטע דעה איז מדויק פארוואס עס שטייט "וַתְּהִי הַכִּנָּם בָּאָדָם" (ח, יג) צו זאגן אז מען רעדט פון די סארט וואס ווערט אין די קליידער פונעם מענטש, און פון די מענטשן איז עס געקומען צו דער ערד.אאדער קען זיין אז ביידע סארט זענען געווע [די ערשטע איז מרומז אין די ווערטער "וַתְּהִי הַכִּנָּם בָּאָדָם וּבַבְּהֵמָה" דאס איז די ווייסע, און אויסער דעם איז געווען די טאנצענדיגע וואס קומט פון דער ערד, ווי עס שטייט "כָּל עֲפַר הָאָרֶץ הָיָה כִנִּים".

## מכת ערוב

**מכת ערוב איז געווען סיי אין די הייזער און סיי אין די גאסן**

ביי מכת ערוב איז געווען אזוי פיל חיות, אז נאך ווען אלע הייזער פון די מצריים זענען געווארן פול פון די ערוב, איז נאך אלס געווען נאך יחיות אין די גאסן, דערפאר שטייט צווי מאל דאס ווארט 'ערוב', "הִנְנִי מַשְׁלִיחַ בְּךָ וּבַעֲבָדֶיךָ וּבְעַמְּךָ וּבְבָתֶּיךָ אֶת הֶעָרֹב, וּמָלְאוּ בָּתֵּי מִצְרַיִם אֶת הֶעָרֹב (ח, יז)" אז דער ערוב איז געווען פוהל אין מצרים אויסער פון די וואס איז געווען אין די הייזער. אזוי אויך, נישט נאר מענטשן האט דער ערוב געשעדיגט, נאר אלעס וואס זיי האבן געזעהן, ווי עס שטייט "תשחת הארץ"

**די מכה האט אונטערגשיידט פון א איד צו א מצרי אפילו וואס זענען געשטאנען איינער נעבן צווייטן**

די מכה פון ערוב האט אויסגעמידן נישט נאר די אידן פון גושן, נאר אויך די אידן וואס זענען נישט געווען אין גושן און זיך געדרייט צווישן די מצרים, און אפילו אוב דער איד איז געשטאנען נעבן א מצרי, זענען די חיות פונעם ערוב געגאנגען צום מצרי און אים צוביסן, און צום איד האבן זיי זיך נישט דערנענטערט.

## מכת דבר

**אויך די בהמות וואס די גויים האבן פארקויפט פאר די אידן בערמה זענען געשטארבן**

ביי מכת דבר שטייט אז די בהמות פון די אידן זענען נישט געשטארבן, איז געווען אזעלכע מצרים וואס האבן זיך איבערגעקלוגט און פארקויפט זייערע בהמות פאר די אידן כדי זיי זאלן ווערן אנגערופן אידישע בהמות און נישט שטארבן, זאגט דער פסוק "וּמִמִּקְנֵה בְנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא מֵת אֶחָד (ט, ו)" נאר וואס איז געווען באמת אן אידישע פארמעגן איז נישט געשטארבן, דהיינו וואס זיי האבן געהאט בירושה פון יעקב און זיינע קינדער, אדער וואס זיי האבן געקויפט מיט די געלד וואס זיי האבן פארדונען ביי מכת דם, אבער די וואס זענען פארקויפט געווארן יעצט בערמה זענען יא געשטארבן.

## מכת ברד

**ביי מכת ברד איז פרעה געווארן איבערגצייגט אז די מכות זענען נישט כישוף**

בי מכת ברד שטייט "כִּי בַּפַּעַם הַזֹּאת אֲנִי שֹׁלֵחַ אֶת כָּל מַגֵּפֹתַי אֶל לִבְּךָ" (ט, יד), דער פשט דערפון לויטן אוה"ח הק' איז, אז בי די אלע מכות ביז יעצט, האט פרעה נישט געווען הונדערט פראצענט זיכער אז עס איז פון אויבערשטן, און זיך פרובירט איינרעדן אז אפשר קומט דאס פון כישוף, זעהנדיג אז זיינע כישוף-מאכער האבן געקענט צייגן ענליכ'ס צו דעם. ביי ברד אבער, איז ער געווארן איבערגעצייגט, אז נאר דער הייליגער באשעפער שיקט די אלע מכות, ווייל אזא זאך - צו אראפ־שיקן פייער פון הימל, קען נישט א כישוף מאכער מאכן, און אפילו נישט עפעס ענליך צו דעם, דאס מיינט "כי בפעם הזאת אני שולח את כל מגפותי אל לבך", יעצט שיק די אלע מכות וואס זענען געווען ביז יעצט - אריין ביי דיר אין הארץ, אז דו זאלסט ענדליך וויסן אז עס איז נישט כישוף נאר פון הייליגן באשעפער.

**די וואונדער פון מכת ברד אז פייער און וואסער זענען געגאנגען צוזאמען**

ביי מכת ברד איז געווען א וואונדערליכע זאך, געוועונדליך גייט נישט פייער מיט וואסער צוזאמען, אדער דאס וואסער פארלעשט די פייער, אדער דער פייער פארברענט און טרונקט אויס די וואסער, און דא האבן זיי ביידע געטוהן די שליחות פון אויבערשטן און געגאנגען צוזאמען אן

וואס איינער זאל שטערן דעם צווייטן, דאס מיינט דער פסוק "ואש מתלקחת בתוך הברד" א זאך וואס איז קעגן דרך הטבע.

### משה רבינו האט געוואוסט אז פרעה וויל נישט ארויסשיקן די אידן נאך מכת ברד

נאך די מכה פון ברד האט משה רבינו געזאגט פאר פרעה "וְאַתָּה וַעֲבָדֶיךָ יָדַעְתִּי כִּי טֶרֶם תִּירְאוּן מִפְּנֵי ה' אֱלֹקִים" (ט, ל), דאס מיינט אז כאטש יעצט זאגסטו אז "ה' הַצַּדִּיק וַאֲנִי וְעַמִּי הָרְשָׁעִים", אבער ווי די מכה וועט זיך ענדיגן און עס וועט ווערן לייכטער וועט איר ממשיך זיין צו ווידערשפעניגן אינעם אויבערשטן, אזוי ווי עס איז שוין געווען ביי די פריערדיגע מכות אז דו האסט געזאגט אז דו ביסט גרייט ארויס צושיקן די אידן, און ווי די מכה האט זיך געענדיגט האסטו צוריק- געצויגן און געבליבן ביים אלטן.

משה רבינו האט געוואסט אז פרעה וועט יעצט אויך נישט וועלן ארויסלאזן די אידן, ווייל דער אויבערשטער האט אים געזאגט אז עס גייט נאך זיין א "מכת בכורות". און אויך ווייל דער אויבערשטער האט אים געזאגט "וְלֹא יִשְׁמַע אֲלֵכֶם פַּרְעֹה" (ז, ד), אז ער וועט אפילו נישט וועלן הערן די שליחות, וואס דאס איז נאך נישט געווען, האט ער פארשטאנען אז יעצט וועט ער נאך נישט וועלן ארויסשיקן די אידן.

דער אור החיים הק' לייגט צו, איף דעם קומענדיגן פסוק "וְהַחִטָּה וְהַכֻּסֶּמֶת לֹא נֻכּוּ כִּי אֲפִילֹת הֵנָּה" (ט, לב) וואס חז"ל זאגן אז עס איז געווען 'פִּלְאֵי פְלָאִים' אז די ווייץ און די ספעלד איז געבליבן גאנץ, דאס האט גורם געווען פאר פרעה צו טראכטן אז דער אויבערשטער קען נישט אלעס ח"ו, און עס איז פאראהן נאך כחות ח"ו, און דאס האט פארשטארקט זיין הארץ אז ער זאל נישט וועלן ארויסשיקן די אידן פון מצרים.

## מכת ארבה

### דער אויבערשטער האט באפוילן אז משה זאל צובינדן א היישעריק צו זיין שטעקן

עס שטייט אין פסוק אז דער אויבערשטער האט געזאגט פאר משה "נְטֵה יָדְךָ עַל אֶרֶץ מִצְרַיִם בָּאַרְבֶּה" (י, יב), וואס מיינט "בָּאַרְבֶּה", קען זיין פשט אז דער אויבערשטער האט אים געזאגט אז ער זאל צובינדן א היישעריק צו זיין שטעקן. אדער אז בשעת'ן נייגן זיין האנט זאל ער זאגן דאסווארט "ארבה", עס זאל זיין א באוויז אז דער בייגן די האנט איז כדי עס זאל קומען 'ארבה' - היישעריק.

## מכת חושך

### פרעה פארשיקט משה רבינו אז ער זאל זיך מער נישט באווייזן פאר אים

**וַיֹּאמֶר לוֹ פַרְעֹה לֵךְ מֵעָלָי הִשָּׁמֶר לְךָ אַל תֹּסֶף רְאוֹת פָּנַי כִּי בְּיוֹם רְאֹתְךָ פָנַי תָּמוּת** (י, כח), לכאורה דארף מען פארשטיין פארוואס דווקא נאך מכת חושך האט זיך פרעה אזוי שטארק געבייזערט אויף משה רבינו, זאגנדיג ער זאל מער נישט קומען און זען זיין פנים, צולייגנדיג אז אויב וועט ער אים נאכאמאל זען, וועט ער שטארבן. אבער ביי אלע אנדערע מכות זעט מען נישט פרעה זאל אזוי רעדן, און האט זיך בלויז געבעטן הכנעה'דיג אז משה רבינו זאל מתפלל זיין די מכה זאל אוועקגיין.

דער הייליגער אוה"ח הק' ענטפערט דערויף דריי תירוצים:

**א')** ביי אנדערע מכות האט פרעה גערופן משה רבינו, בשעת ווען די מכה איז נאך אנגעגאנגען און געבעטן משה זאל דאווענען עס זאל אוועקגיין. אנדערש איז אבער געווען ביי מכת חושך, וואס די מצרים האבן זיך נישט געקענט רירן פון ארט, און פרעה האט נישט געהאט די מעגליכקייט צו אריבער רופן משה בשעת מעשה, נאר נאכדעם וואס די מכה איז אריבער האט ער זיי אריבער גערופן. דערמיט פארשטייט מען, ביי די אנדערע מכות האט זיך פרעה געטראפן מיט משה אינמיטן וואס ער האט געליטן פון די מכה, דעריבער האט ער גערעדט מער מיט הכנעה. אבער ביי מכת חשך, ווען ער האט זיי גערופן איז שוין געווען נאכדעם וואס די מכה איז פאריבער, דעריבער האט פרעה גערעדט און זיך געבייזערט אויף משה רבינו. (י, כד, ד"ה ויקרא).

**ב')** משה רבינו זאגט פאר פרעה (שם, כו) **וְגַם מִקְנֵנוּ יֵלֵךְ עִמָּנוּ לֹא תִשָּׁאֵר פַּרְסָה כִּי מִמֶּנּוּ נִקַּח לַעֲבֹד אֶת ה' אֱלֹקֵינוּ וַאֲנַחְנוּ לֹא נֵדַע מַה נַּעֲבֹד אֶת ה' עַד בֹּאֵנוּ שָׁמָּה**, אונז דארפן אלעס מיטנעמען ווייל אונז ווייסן נישט מיט וואס דער אויבערשטער וועט וועלן מיט זאל אים דינען.

דאס הייסט, משה רבינו זאגט פאר פרעה אונז דארפן מיטנעמען אלע אונזערע בהמות און זאכן, אפילו בהמות וואס מען קען נישט מקריב זיין פאר קרבנות, אזוי אויך אלע אונזערע חפצים, גאלד און זילבער, ווייל אפשר וועט דער אויבערשטער וועלן מען זאל אים דינען דערמיט (דורכ'ן אויפבויען א מזבח פון גאלד און זילבער וכדו'), און עס פאסט נישט צו פרעגן דער אויבערשטער מיט וואס ער וויל מען זאל אים דינען, דעריבער מוז מען מיטנעמען אלעס וואס מען פארמאגט.

אבער פרעה האט נישט געוואלט גלייבן משה אז דאס איז די ריכטיגע סיבה פארוואס ער וויל אלעס מיטנעמען, און געטראכט אז משה רבינו נער'ט אים אויס מיט זיין תשובה, און געהאלטן אז באמת וואלט משה רבינו יא געקענט וויסן מיט וואס דער אויבערשטער וויל מען זאל אים דינען, נאר ער זאגט אים אזוי ווייל ער וויל קענען ארויסגיין פון מצרים פאר אייביג און נישט דארפן צוריק קומען. דעריבער האט זיך פרעה זייער אויפגערעגט אויף דעם וואס ער האט געהאלטן אז משה רבינו נער'ט אים אויס, און ער האט באקומען די כוחות זיך צו שטארקן און נישט ארויסלאזן די אידן, און געזאגט פאר משה רבינו ער זאל אים מער נישט קומען זען. (שם, כו, ד"ה ואולי).

**ג')** **נאך** מכת חושך האט פרעה געטראכט ווי אזוי קען ער זיך איינשפאָרן עס זאל נישט קומען אויף אים נאך א מכה, האט ער געמאכט צו זיך א חשבון, אז אלע ניין מכות ביז אהער איז צוגעגאנגען מיט א סדר ווי אזוי משה רבינו איז אים קודם קומען געקומען ווארענען, נאר נאכדעם איז געקומען די מכה.

אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין מדרש (שמו"ר ט, יב), אז די ערשטע צוויי מכות (דם, צפרדע) איז געקומען מיט התראה (וואָרענונג), דערנאך איז געקומען איין מכה (כינים) אן התראה, און אזוי ווייטער, עס איז געקומען צוויי מכות (ערוב, דבר) מיט התראה, נאכדעם א מכה (שחין) אן התראה. דערנאך צוויי מכות (ברד, ארבה), מיט התראה, און דערנאך (חושך) אן התראה.


נדבת ידידינו הרה"ח ר' משה יואל מזרחי שליט"א – אב"י בעי"ת וויליאמסבורג ניו יארק

אויב אזוי - האט פרעה געקלערט - יעצט נאך מכת חושך דארף קומען א מכה מיט התראה, דעריבער האט ער געזאגט פאר משה רבינו אז ער זאל אים מער נישט קומען זען, כדי ער זאל אים נישט קענען אָנוואָרענען, אזוי וועט נישט קענען קומען קיין מכה אויף מצרים. (שם, כז, ד"ה או ירצה).

### דער טעם פארוואס ביי מכת חושך האט משה אויפגעהויבן זיין האנט און נישט דאס שטעקן

ביי מכת חושך איז די איינציגסטע מאל וואס עס שטייט "וַיֵּט מֹשֶׁה אֶת יָדוֹ" אז משה האט גענייגט זיין האנט [און נישט זיין שטעקן], די ערקלערונג דערפון קען זיין לויט ווי חז"ל זאגן אין מדרש, אז די מכת חושך איז געווען פון די פינסטערניש וואס ווערט אנגערופן "יָשֶׁת חֹשֶׁךְ סִתְרוֹ סְבִיבוֹתָיו סֻכָּתוֹ", דער חושך וואס געפינט זיך אויבן אין הימל ארום דעם כסא הכבוד, דערפאר האט משה נישט אויפגעהויבן זיין שטעקן אויף אויבן, וואס עס וואלט אויסגעזעהן ווי א זלזול אין כבוד של מעלה ח"ו.

### אפילו פאר א איד אין א מצרי'ס הויז איז געווען ליכטיג

ביי מכת חושך שטייט "וּלְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל הָיָה אוֹר בְּמוֹשְׁבֹתָם" (י, כג) פאר אלע אידישע קינדער איז געווען ליכטיג אין זייערע וואוינונגען, דער פסוק קומט מרבה זיין אז אפילו ווען א איד האט זיך געפונען אין א מצרי'ס הויז, איז אויך געווען ליכטיג פאר אים.

## מכת בכורות

### ביי מכת בכורות איז דער אויבערשטער אליין אראפ געקומען אין מצרים

ביי מכת בכורות שטייט "כַּחֲצֹת הַלַּיְלָה אֲנִי יוֹצֵא בְּתוֹךְ מִצְרָיִם" וגו' (יא, ד), טייטש דער אור החיים הק' די כוונה דערפון, אז דער אויבערשטער האט געזאגט, כאטש איך האב פיל מלאכים און משרתים, דאך וועל איך אליין אראפ גיין אין מצרים, דאס איז וועגן צוויי טעמים, ערשטנס צו ארויס ווייזן דאס ליבשאפט צו די אידישע קינדער, זייער ארויסגיין פון מצרים זאל זיין דורך אויבערשטן אליין בכבודו ובעצמו, צווייטנס ווייל א מלאך וואלט נישט געקענט ריכטיג דערקענען און אונטערשיידן ווער עס איז א בכור און ווער נישט, דאס קען נאר וויסן דער גרויסער באשעפער וואס האט זיי באשאפן.

### 'כחצות' מיינט אזוי ווי נאכט וואס אברהם האט געהרג'עט די קעניגן

"כֹּה אָמַר ה' כַּחֲצֹת הַלַּיְלָה אֲנִי יוֹצֵא בְּתוֹךְ מִצְרָיִם" (יא, ד), דער אור החיים הק' שרייבט אז חז"ל זאגן דאך שוין א טעם פארוואס שטייט "כַּחֲצוֹת" מיט א כַּף, לייגט ער צו נאך א פשט, לויט ווי עס שטייט אין מדרש אויפן פסוק וואס שטייט ביי די מלחמה פון אברהם מיט די פיר קעניגן "וַיֵּחָלֵק עֲלֵיהֶם לַיְלָה" אז דאס איז געווען די נאכט פון ט"ו ניסן, און ווי חז"ל זאגן אז אין יענע נאכט וואס אברהם האט געהרג'עט די פיר קעניגן האבן אסאך פון די גוים אפגעלאזט זייער פרעמדע גלויבן און גלייבט אין אויבערשטן, און עס איז געווען א גרויסע און שטארקע מלחמה וואס איז פארצייכנט אין די ביכער פון די קעניגן אלס געוואלדיגן וואונדער, אז איין מענטש ☐ אברהם אבינו - מיטן הילף פון זיינע קנעכט האט זיך געשטארקט אויף אזעלכע שטארקע קעניגן, האט דער אויבערשטער יעצט געוואלט זאגן פאר פרעה א ביישפיל וואס וועט זיין יעצט מיט פרעה, האט ער אים געזאגט אז עס וועט זיין "כַּחֲצוֹת הַלַּיְלָה", אזוי ווי יענע האלבע נאכט, וואס השי"ת האט געמאכט וואונדער צו ראטעווען אברהם, אזוי וועט אויך זיין יעצט ביי דיר.

### די בכורים זענען געשטארבן ווייל די חלק הקדושה איז ארויס פון זיי

ביי מכת בכורות שטייט "וּמֵת כָּל בְּכוֹר" (יא, ה), עס שטייט נישט 'וְהָרַגְתִּי כָּל בְּכוֹר', שרייבט דער אור החיים הק' באריכות, אז יעדער 'רע' וואס געפינט זיך אויף די וועלט, האט אין זיך א קליין חלק וואס דערהאלט אים וואס קומט פון חלק הטוב, וואס אן דעם וואלט ער נישט געקענט האבן א קיום, ווייל דאס שלעכטס איז א בחינה פון מיתה, און עס איז נישט שייך צו האבן א חיות נאר דורך חלק הטוב, און דאס איז אויך די כוונה וואס חז"ל זאגן אז לעתיד לבוא וועט הקב"ה שחט'ן דעם יצר הרע, וואס לכאורה איז נישט שייך ביי א מלאך דאס באגריף שחט'ן, נאר די כוונה איז, אז דער אויבערשטער וועט ארויס ציהען פון אים דאס חלק הטוב, ממילא וועט ער מער נישט האבן קיין קיום, און דאס איז זיין שחיטה.

לייגט צו דער אור החיים הק', אז דער חלק הקדושה האט א איינגשאפט זיך צו באהעפטן צום מקור הקדושה, דאס מיינט דער מושג פון 'מברר זיין ניצוצות', אז דורך לערנען די הייליגע תורה און מקיים זיין מצוות ווערט געשטארקט דאס חלק הקדושה, און די אלע חלקים פון טוב וואס געפינען זיך אינעם רע קומען ארויס זיך צו באהעפטן אין מקור פון קדושה. און די צדיקים האבן דעם כח, ווען זי קוקן אויף א נפש פון א רשע, ארויס צו ציעהן די חלקי הטוב וואס געפינט זיך בי איהם, דאס איז ווי א 'מאגנעט', וואס ציט צו זיך דעם אייזן, אזוי ציען זיי צו זיך די חלקי הקדושה.

דאס איז אויך געווען ביי 'מכת בכורות', מען האט נישט געדארפט הרג'נען די בכורים, נאר וויבאלד כביכול הקב"ה איז אראפגעקומען אין מצרים, ווי עס שטייט אין פסוק "וְעָבַרְתִּי בְאֶרֶץ מִצְרַיִם בַּלַּיְלָה הַזֶּה" (יב, יב), ממילא האט זיך געשטארקט דארט דער כח הקדושה, דורך דעם איז געווארן ארויסגעצויגן די אלע חלקים פון טוב און קדושה וואס האבן זיך געפינען אין די בכורים, זיך וועלנדיג באהעפטן צום מקור הקדושה, און אז די קדושה איז ארויס, ממילא האבן זיי שוין נישט געהאט קיין קיום און גלייך געשטארבן.

### דער באשעפער מאכן נישט קיין שלעכטס

דער באשעפער וועט צייגן פאר די מלאך המשחית ווער עס איז א בכור נאך לייגט צו דער אור החיים הק' פארוואס עס טייט נישט והרגתי אז דער באשפער וועט הרגע'נען די בכורים ווייל דער באשפער טוט נאר גוטס און די שלעכטס טו א מלאך אז דער באשפער וועט צייגן פארן מלאך ווער עס איס א בכור און דער מלאך וועט איהם הרג'ענען

### פארוואס האבן די הינט נישט געבילט

נאך שטייט ביי מכת בכורות "וּלְכֹל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לֹא יֶחֱרַץ כֶּלֶב לְשֹׁנוֹ" (יא, ז)", די כוונה דערפון לויטן אור החיים הק' איז, ווייל חז"ל זאגן "כלבים צועקים מלאך המוות בעיר" ווען די הינט שרייען איז א סימן אז דער מלאך המוות איז שטאט, דעפאר שטייט 'ולכל בני ישראל לא יחרץ כלב לשונו', אז די הינט האבן נישט געבילט, כדי דער מלאך המוות זאל נישט זיין דארט און קיין איד זאל נישט שטארבן.

נערך ונלקט ע"י משה אהרן פויגל שליט"א מלמד בת"ת מחזיקי הדת וויען


### אפילו אויב א מצרי האט זיך באהאלטן צווישן די אידן איז ער געשטארבן

נאך ערקלערט ער, אז נאר פאר די אידן האבן די הינט נישט געבילט, אבער אויב א מצרי'שער בכור האט זיך געפינען צווישן אידן האט דער הינט יא געבילט פאר אים און ער איז געשטארבן, און עס האט אים נישט געהאלפן די עצה זיך באהאלטן צווישן אידן.

### די קנעכט פון פרעה זענען געבליבן לעבן כדי פרעה זאל פארשעמט ווערן פאר זיי

"וְיָרְדוּ כָל עֲבָדֶיךָ אֵלֶּה אֵלַי" (יא, ח) דיינע קנעכט וואס געפינען זיך דא וועלן אראפקומען זיך בוקן פאר מיר, אפילו אויב עס איז דא צווישן זיי בכורים ווען זיי נישט שטארבן נאר בלייבן לעבן און קומען זיך בוקן פאר מיר צוזאמען מיט דיר, דאס איז געווען וויבאלד פרעה האט פארשעמט פאר משה קעגן זיינע קנעכט, זאגנדיג "אַל תֹּסֶף רְאוֹת פָּנַי" (י, כח) , האט זיך פרעה אלס שטראף געדארפט ווערן פארשעמט אין משה'ס אויגן פאר זיי.

### פארוואס שטייט נאכאמאל אינעם פסוק 'לילה'

"וַיִּקְרָא לְמֹשֶׁה וּלְאַהֲרֹן לַיְלָה וַיֹּאמֶר" וגו' (יב, לא), דער אור החיים הק' ערקלערט פארוואס שטייט דא נאכאמאל לילה, נאך ווען שטייט שוין אין פריערדיגן פסוק "וַיָּקָם פַּרְעֹה לַיְלָה", ווייל פרעה האט מורא געהאט אז משה וועט נישט וועלן קומען צו אים נאך וואס ער האט אים אנגעזאגט ער זאל מער נישט קומען זעהן זיין פנים ווייל אויב יא וועט ער שטארבן, וועט משה מורא האבן אז רופט אים יעצט כדי צו קענען הרג'נען, דעפאר האט ער געזאגט לילה, ווייל ביים ווארענען האט ער אים געזאגט נאר "בְּיוֹם" רְאוֹת פָּנַי, בייטאג אבער נישט ביינאכט, און יעצט איז דאך נאכט מעג ער אים זעהן,

## יציאת מצרים

### די נאכט וואס פינף נסים פאסירן אין איר

"לֵיל שִׁמֻּרִים הוּא לַה' לְהוֹצִיאָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם" וגו' (יב, מב) וגו'. דער אור החיים הק' שרייבט אז דעם פסוק זענען מרומז פינף נסים וואס האבן פאסירט אין די נאכט - ט"ו ניסן, א, די ערשטע איז געווען אין די צייטן פון אברהם אבינו ווען ער האט געהרג'ט די פיר קעניגן [ווי פריער דערמאנט]. ב. די צווייטע ביי יציאת מצרים ווען דער אויבערשטער האט געשלאגן די בכורים פון מצרים אינמיטן נאכט. ג. די דריטע אין די צייטן פון חזקיהו המלך וואס דער מלאך גבריאל האט געהרג'ט סנחריב מיט זיין מיליטער. ד. די פערטע אין די צייטן פון מרדכי ואסתר ווי עס שטייט בלילה המלך. ה. און די פיפטע וועט זיין ביי די גאולה שלימה בקרוב. דאס אלעס איז מרומז דא אין פסוק "לֵיל שִׁימּוּרִים הוּא לַה'" איז מרמז אויף דעם נס ביי אברהם, ווייל דורך די נאכט האט זיך געשטארקט די אמונה אין אויבערשטן [ווי דערמאנט], "לְהוֹצִיאָם מֵאֶרֶץ מִצְרָיִם" איז דער נס פון יציאת מצרים, קעגן דער נס ביי חזקיהו שטייט "הוּא הַלַּיְלָה" דאס איז די באוואוסטע נאכט וואס שטייט אין נביא, קעגן דער נס ביי מרדכי הצדיק זאגט ער "הַזֶּה לַה'" , און די גאולה העתידה איז מרומז אין די ווערטער "שִׁימּוּרִים לְכָל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל לְדוֹרֹתָם" וואס וועט זיין סוף פון די דורות בעגלא ובזמן קריב אמן.

### דער זכות פון די מצוה האט אפגעהיטן די אידן פונעם מלאך המשחית

"וְרָאִיתִי אֶת הַדָּם וּפָסַחְתִּי עֲלֵכֶם וְלֹא יִהְיֶה בָכֶם נֶגֶף לְמַשְׁחִית" וגו' (יב, יג), דער אוהחה"ק ערקלערט דעם פסוק, ווייל דער מַלְאַךְ הַמַּשְׁחִית וואס איז געקומען צו פארלענדן די מצרים האט אין זירך נאר עם כח פון השחתה צו שעדיגן פאר יעדן אן און קען נישט אונטערשיידן צווישן א צדיק און א רשע, נאר טאמער זעהט ער דאס זיגל פון אויבערשטנ'ס נאמען, וואס ווערט דורך מקיים זיין א מצוה, האט ער מורא און ציטערט צו צוגיין שעדיגן, דערפאר האט דער אויבערשטער אנעזאגט די אידן די מצוה פון לייגן די בלוט ביי די טיר אלס צייכן, אבער דאס וועט נישט העלפן ווען א מצרי וועט זיך באהאלטן אין א שטוב פון א איד, דעפאר שטייט "בָּכֶם" דער צייכן פון די מצוה וועט שיינען נאר אויף די אידן זיי צו ראטעווען און נישט אויף די מצרים.

### די פיר שטאפלען ביי די גאולה פון מצרים

"וְהוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מִתַּחַת סִבְלֹת מִצְרַיִם" וגו' (ו, ו), דער אור החיים הק' שרייבט אז די פיר לשונות פון די גאולה איז מרמז אויפן סדר ווי אזוי עס איז געווען די טובות פונעם אויבערשטן, צום ערשט איז געווען אז השי"ת האט לייכטער געמאכט און אראפ־גענומען פון זייער פלאג און פיין פון די ארבעט אין מצרים, דאס מיינט "וְהוֹצֵאתִי אֶתְכֶם מִתַּחַת סִבְלֹת מִצְרַיִם", איך וועל אייך ארויסנעמען פון אונטער די שווערע ליידן פון מצרים, און דאס איז שוין געווען גלייך ביי די מכה פון בלוט, וואס דעמאלט האבן זיך די פייניגערס און די שוטרים פונאדער־געשיידט און מער נישט געקענט צווינגען און פייניגן די אידן ווי בעפאר, אבער די אידן האבן נאך אלץ אביסל געארבעט פון זייערע ווילן מורא האבנדיג פון די מצריים, דערנאך איז געווען "וְהִצַּלְתִּי אֶתְכֶם מֵעֲבֹדָתָם" אז זיי האבן אינגאנצן אויפגעהערט צו ארבעטן. די דריטע זאך איז געווען "וְגָאַלְתִּי אֶתְכֶם" אז זיי זענען ארויס פון מצרים און אריבער דעם ים סוף, ווייל דאס איז אויך געווען א חלק פון די גאולה, און די פערדע איז געווען "וְלָקַחְתִּי אֶתְכֶם לִי לְעָם" אז דער אויבערשטער האט געגעבן די תורה און דורכדעם זענען מיר פאראייניציג געווארן אלס זיין באליבט פאלק.